NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13298

A BARN-EPL

I Vtoraya

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

י. ווטאָראַיאַ

אַ באַרנ-עפּל



אוקרמעלוכנאַצמינדפאַרלאַג

13/6092

13/6097

אי. ווטאָראַיאַ

אַ באַרנ-עפּל

מעלוכע־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטנ אינ אוסר"ר
קיִעוו 1935 כאַרקאָוו

פאראנטוו. רעד. — ל. מ י ש ק אָ ו ס ק י.
טעכנ. רעדאקטער — מ. ז א ר ע צ ק י.
קאָרעקטער — א י. ש ט ו ל מ א נ. פאפיר
110×72—1/32—50 קג. 2 דרוק־בויגנ.
אינ פאפיר־בויגנ 80.000 צייכנס. טיראזש
2 000 עקז. פארלאז — Є-17. אָפגעגעבנ
אינ זאצ — 1/I 1935, אונטערגעשריבנ
צומ דרוק 5/VII — 1935. 9-טע רעפוב־
ליק. פאָליגראפ. פאבריק אופקפ־ס. קיִעוו,
רויטער פלאצ 2a. באשטעלונג 7. באפולמ.
פונ הויפטליט נומ. 2231(900).

I

וואסקע אונ מישקע זײַנענ געזעסנ אפדערנאכט, נאָכ דער וועטשערע, אפנ בערגל אונ האָבנ גערעדט.

— וואסקע, וועלנ מיר גייג דעמ גאָרטנ אָנקוקנ?

— וואָדענ? אָט באלד לויפנ מיר...

— וואָסי?

— מ'וועט אונדז אָנלייגנ אינ קאָל־נער, אָט וואָס!

— ווער?

— מיטשורינ! אָט ווער!

— ער איז דענ א בייזער?

— נו, וואָס־זשע דענ?

— מיד וועלנ שטילערהייט, קיינער וועט אפילע ניט זענ.

— אונ אז ער וועט דערזענ? וועט ער דיר ארײַנצימבלענ, אז דו וועסט זיכ מעכײַע זײַנ.

— ער וועט ניט דערזענ. מיר וועלנ גאנצפרי זיכ לאָזנ אינ וועג ארײַנ. די זונ וועט נאָכ ניט אופגיינ, אונ מיר וועלנ שוינ זײַנ פונ יענער זײַט פּאָרטקע. וואָסי, ער איז דענ אזא גרויסער, דער גאָרטנ? מיר וועלנ אימ איבערלויפנ אינ איינ אָטעמ. דערפאר וועלנ מיר זיכ שוינ דאָרט אָנקוקנ! ווײַנשל איז דאָרט דאָ — אָנ אנ עק. אונ קלובניקע — אזא געזונ־טע! יעדע איינע אפ א גאנצנ טעלער די גרייס.



מישקע האָט א קוק געטאָן מיט אומצוטרוי.

— וואָס הייסט?... אזויווי א קירבעס?

— גרעסער. אָט אזא! וועסט ניט ארומכאפּן...

— דרייסט א קאָפּ...

— אָט וועסטו זען.

— נו, גוט. דו שטיי נאָר אוף וואָס פריער, ווי ס'וועט נאָר א קאפּעלע ליכטיק ווערן, — און היידא.

— נו, איך וועל שוין ניט פאַרשלאָפן; איך וועל דיר אין פענצטער אָנקלאפּן.

— ניין, אין פענצטער דארף מען ניט, די מאמע קאָן נאָך דערהערן. גיב שטילינקערהייט א קלאפּ מיט דער קליאמקע.

— נו, גוט! זע־זשע, פארשלאָף נים.

גאנצפרי, ווען די זון האָט באגילדט די שפּיצן פון דיביימער, און דאָס גראָז איז נאָך געווען גרוי פון טוי, האָבן צוויי יינגלשע קעפּ זיך צו־געטוליעט צום פּלויט פון מיטשורינס גאָרטן.

— וואסקע, וואָס טוט ער דאָס? — האָט מישקע שטיל א פרעג געטאָן.

— כ'פארשטיי ניט, ער רופט עמעצן, צי וואָס...

פון יענער זייט פּלויט, אף א לאָנקע, איז געשטאנען אן אלטער אין א ברייטראנדיקער שליאפּע און האָט צוגעפגערופן שפּערלעך:

— טשי־טשי־טשי... טשי־טשי־טשי...

מיט א פריילעכן געשריי איז אָנגעפלויגן א טשאטע גרויע פייגעלעך. די שפּערלעך האָבן זיך געזעצט דעם אלטן אף דער שליאפּע און אף די אקסלען, זיינע אראָפּגעפלויגן, זיך געדרייט ארום און ארום און האָבן זיך געסטארעט ארויסרייסן פון זיינע הענט דאָס ברויט, וואָס ער האָט צע־וואָרפן איבערן שטעגעלע.

— א־קיש, איר, קונדייסים! ס'ארא שטיפערס! נאט, עסט, — האָט גע־רעדט דער אלטער, ווארפנדיק די בעצטע ברעקלעך.

— וואסקע, ס׳איז דאָך געלערנטע שפּערלעך, — האָט מישקע זיך ניט אײַנגעהאלטן און א געשריי געטאָן.

דער אלטער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, ער האָט פארזשמורעט די אויגן, א קוק געטאָן אפן פלויט און מיט ברייטע שפּאן זיך א לאָז געטאָן צו די ייִנגלעך. מישקע איז אָפּגעשפּרונגען פונעם פלויט אין אײַלעניש זיך אָפּגעקלאפּט דעם פוס אין א שטײַג, און, הינקענדיק, זיך געלאָזט לויפן איבערן וועג. וואסקע האָט אויך געוואָלט אראָפּשפּרינגען, נאָר אין דערזעלבער מינוט האָט ער דערפילט, אז עמעצער האָט אים שטארק אָנגעכאפּט פארן העמדל: וואסקע האָט אָנגעהויבן שרײַען, זיך א ריס געטאָן, — א שטארקע האנט האָט ניט געלאָזן.

„כ׳בין פארפאלן, — האָט א טראכט געטאָן וואסקע, — ער וועט דערהארגענען". פון שרעק האָט בא אים אָנגעהויבן קלאפּן דאָס הארץ, די אויגן האָט ער פארזשמורעט.

פּלוצלינג האָט זיך ערגעץ[אונטן דערהערט א געלעכטער. וואסקע האָט אן עפן געטאָן די וויִעס. אונטן באם פלויט[האָט געלאכט דער אלטער אין דער ברייטראנדיקער שליאפּע. וואסקען איז גרינגער געוואָרן אפן הארצן. ער האָט זיך נאָכאמאָל א ריס געטאָן און האָט פארשטאנען, אז קיינער האלט אים ניט, אז דאָס האָט ער זיך פארטשעפּעט פארן פלויט מיטן רימענדל פונעם העמדל. דאן האָט וואסקע מיט איין באוועגונג צעשפּיליעט דאָס רימענדל. ס׳האָט זיך גלײַך דערהערט דאָס [טרישטשען פון דעם צעריסענעם העמדל, און וואסקע איז נאָכאמאָל געבליבן הענגען אפן פלויט.



— שטיי, שטיי, נארעלע! עך, ס׳ארא ניט קיין אקוראטער דו ביסט, ברודער. שטעל אהערצו א פוס, נו... אָט אהערצו, אָט...

א שטימ א נידעריקע, א הילכיקע, ווי א טרובע וואָלט געהודעט, און נישקאָשע, ניט קיין בייזע.

וואסקע איז דרייסטער געוואָרן. זײַנעביידע פיס זײַנען איצט שטײַף געשטאנען אפן קווער־באלקן.

— נו, אָט נעמ אראָפּ דאָס העמדל פונעם האטשעק. און איצט שפּרינג!

וואסקע האָט א שפּרונג געטאָן אפ דער

ערד. גלײַכ איז אראָפּגעפאלנ אויכ דאָס רימענדל אפ יענער זײַט, אינ גאָרטנ ארײַנ, צו דעמ אלטנס פיס.

דער אלטער האָט זיכ אָנגעבויגנ אונ אופגעהויבנ.

— איצט גיי אָנ א רימענדל.

— גיב אָפּ, זיידעניו. כ׳וועל מער ניט.

— וואָס־זשע קריכסטו ארומ איבער די פּלויטנ?

— כ׳האָב נאָר אזוי... דאָס האָב איכ מיט מישקענ געוואָלט א קוק טונ אפ די ווײַנשל אונ אפ דער קלובניקע...

— אכ, ס׳ארא פלינקע איר זײַנט. ווו־זשע איז ער, דײַנ כאווער, אנטלאָפנ?

— ער איז דאָ ערגעצ. ער וועט אלייִנ ניט אנטלויפנ. אונדז גלוסט זיכ זייער שטארק א קוק טונ. בא אונדז אינ קאָל־ווירט איז אויכ פאראנ א גאָרטנ, נאָר א שלעכטער.

— נו, וואָס זאָל מענ טונ מיט אײַכ, מע מוז אײַכ ארײַנלאָזנ. נא, האלט נאָר דײַנ רימענדל. ווו־זשע איז ער, דער אנטלאָפענער? גייט צומ טויער. דאָרט וועט מענ אײַכ ארײַנלאָזנ. איכ וועל זאָגנ.

— אָט א דאנק, זיידעניו. אוכ, דו! איכ וועל באלד... נאָכ מישקענ...

וואסקע האָט זיכ פײַל פונ בויגנ געלאָזנ לויפנ איבערנ שטעגעלע. די רויטע פּאטלעס, די אויגנ, די זונ־שפּרענקעלעכ אפנ פּאָנעמ האָבנ געשײַנט פונ פרייד. ס׳האָט געפינקלט דורכ דעמ ריס דער הוילער רוקנ.

— מישקע־ע־ע! ע־היי! מישקע!

אינ גאָרטנ האָבנ די קינדער מיט פארווונדערונג זיכ אָפּגעשטעלט פאר יעדנ בוימ. דער אלטער אינ דער ברייטראנדיקער שליאפּע האָט ניט באוויזנ צו ענטפערנ אפ זייערע פראגעס.

— און בא אונדז זײַנען די עפּלבײמער ניט אזוי פארפלאנצט, בא אונדז איז אין רײען, און מיר גראָבן ארום יעדן עפּלבוים, און דאָ בא דיר איז פונקט װי א װאלד, און אלע צוזאמען, — האָט געזאָגט װאסקע.

— און די ערד פארװאָס איז ניט צעגראָבן? — האָט געפרעגט מישקע. — מיר צעגראָבן די ערד אונטער יעדן עפּלבוים, כּדי ס'זאָל אים זײַן גרינגער צו װאקסן.

מיטשורין האָט מיט צוגעזשמורעטע אויגן א קוק געטאָן אפן ייִנגעלע און, שמײכלענדיק אין די װאָנצעס, געזאָגט:

— אָט דאָס האָסטו, ברודער, אין סאמע פּינטעלע געטראָפן. פון דעם װעלן מיר טאקע אָנהײבן. איר אין אײַער גאָרטן צעגראָבט די ערד צוליב װאָס?

כּדי דעם בוים זאָל זײַן גרינגער צו װאקסן. כּדי ער זאָל װאָקס װינציקער מי פאטערן, כּדי צו פארגרינגערן אים די ארבעט. און ער, דער בוים, איז פונקט װי א מענטש: זאָרגסט װעגן אים, איז ער שוין צופרידן, און אלײן געװוינט ער זיך אָפּ צוביסלעך פון שװערער ארבעט. אפ װינטער קוטעט מען אים אײַן, זומער באגיסט מען אים, און מע זאָרגט זיך פאר אים. װאָס־זשע דארף ער נאָך? הערט ער טאקע אוף אלײן װעגן זיך צו זאָרגן. אָט האָט איר געזען, װיאזוי איך האָב גאנצפרי געהאָדעװעט די שפּערלעך. אָט אזוי האָט זיך א גאנצע טשאטע צוגעװוינט פוסטעפּאסעװען. מ'עסט זיך אָן מיט אומזיסטן שפּײַז און מ'דרימלט אפ די בײמער. בא זײ אונטער דער נאָז שנאָרען ארום אי פליגן, אי װערעם, און זײ פוילן זיך אפילע דעם שנאָבל אופעפענען. דערפאר װײַל זײ זײַנען זאט, אזא שפּערל איז אפילע קײן גראָשן ניט װערט: האָדעװע עס ניט אָן, װעט עס אויסציִען די פּיסלעך. נו, און ~~מיט א~~ בוים איז אויך אזוי. פארנעמסטו זיך מיט אים, װערט ער צעפּעסטעט. און איך װעל אים צװינגען, ער זאָל דאפקע אלײן קריגן דאָס נײטיקע אויסקומעניש, דאן װארט ער שוין פון ערגעץ ניט אפ קײן הילף, ער װערט שטאנדהאפטיק, פאראקשנט און געװוינט זיך צו צום קאמף. אויב ס'איז קאלט, װעט ער איבערטראָגן, אויב א פארטריקעניש, װעט ער אויסהאלטן. און די זאפטן, װאָס זײַנען אים נײטיק צום לעבן, װעט ער אלײן געפינען. אזוי װעט אויסװאקסן פון עם בוים א קעמפער, װאָס איז גרײט צו יעדער שװערן לעבן. פארשטײט זיך, אז ניט אלע בײמער האלטן אויס אזא מי, אסאך שװאכע קומען אום. אפ זײער אָרט זײַנען אנדערע גרײט. װאָס, בא אײַך אין דאָרף זײט מען רעטשקע, צי נײן? — האָט מיטשורין געפרעגט בא די ייִנגלעך.

די ייִנגלעכ האָבנ פאַרוווּנדערט זיכ איבערגעקוקט: וואָס האָט ער פלוצלינג זיכ דערמאַנט פונ רעטשקע?

— מ׳זייט — נאָר ווינציק.

— פאַרוואָס־זשע איז דאָס אַזוי?

— זי ווערט אײַנגאַנצנ פאַרפאַלנ.

— פאַרוואָס־זשע ווערט זי פאַרפאַלנ?



— ווער ווייסט זי, זי וואַקסט ניט.

— פאַרוואָס־זשע האָט זי אויפגעהערט וואַקסנ?

— נו, דערפאַר וואָס... — וואַסקע האָט זיכ אָפּגעשטעלט, — ס׳איז קעלטער געוואָרנ.

— אָט דאָס איז עס טאַקע, קעלטער געוואָרנ. ס׳בײַט זיכ, הייסט עס, דער קלימאַט? ריכטיק. אונ פונדעסטוועגנ דאַרפ מענ ניט אופהערנ זייענ קייג רעטשקע. זאָל אפילע נאָר הונדערט זאַנגענ בלײַבנ אַפנ פעלד, איז דאָס אויכ גוט. אָט־אָ די זאַנגענ וועלנ טאַקע זײַנ די רעכטע קעמפער. פונ זיי וועלנ זיכ טאַקע באַקומענ די סאַמע שטאַנדהאַפטיקע זוימענ, אויב מ׳וועט זיי פאַרזייענ. אופקלײַבנ זיי אונ פאַרזייענ — וועט אומבאַדינגט זײַנ אַ גערעטעניש.

— עכ, ווײַנטרויבנ וויפל, — האָט אַ געשריי געטאָנ וואַסקע.

— ווו, ווו? — האָט זיכ אַ כאַפּ געטאָנ מישקע אונ איז פלוצלינג מיטאַמאָל פאַרשטאַרבנ געוואָרנ פונ פאַרוווּנדערונג: ניט ווײַט פונ דעמ אָרט, ווו זיי זײַנענ געשטאַנענ, האָבנ זיכ געקרײַזלט איבער אַ דראָט אינ שיינע גראָדע רייענ גרינע בײַטשנ מיט שוואַרצע הענגלעכ ווײַנטרויבנ.

— אָט דאָס איז יאַ־אָ! — האָט אויסגעצויגן מישקע און ניט אָפּגעריסן קיין אויג פון די גרויסע יאַגעדעס.

מיטשורין האָט ארויסגענומען פון קעשענע א שניץ־מעסערל און האָט אָפּגעשניטן א פּאָר שווערע ווייַנטרויבן.

— נאַט, פאַרזוכט, גערטנער.

די ייִנגלעך האָבן אײַליק אויסגעצויגן די הענט.

— נו, וואָס? גוט?

— זעלטן, — האָט געענטפערט וואסקע, אראָפּשלינגענדיק די, ווי צוקער זיסע, יאַגעדעס.

מישקע האָט עפעס א מורמל געטאָן און צוגעזשמורעט פון פארגעניגן די אויגן. זײַן מויל איז געווען פול מיט שמעקנדיקן ווייַנטרויב־זאַפט.

— כ'זע, אז ס'זײַנען אײַך געפעלן געוואָרן די ווייַנטרויבן. איך וועט מוזן, ווייַזט אויס, פארפלאנצן אזוינע אין אײַער קאָלווירט, — האָט זיך צעלאכט מיטשורין.

— ניין, — האָט א מאך געטאָן מיטן קאָפּ וואסקע. — בא אונדז וועט ניט אויסוואקסן.

— פארוואָס?

— מיר קענען ניט. בא אונדז וועט פארפאלן ווערן.

— טאָ לערן זיך אויס.

— ניין, ס'וועט זיך ניט באקומען. אונדז האָט פאראיאָרן דער לערער געבראכט פון קרים א קארשן־בוים. פון אָנהייב האָט ער זיך דאפקע צוגענומען, און צו ווינטער־צו איז ער פארפוילט געוואָרן.

— נאָך האָט מען בא אונדז געשטשעפּעט א קרימער עפּלבוים, האָט זיך אויך גאָרנישט ניט באקומען, ער האָט זיך ניט צוגענומען.

— און דו ווייסט, פארוואָס ער האָט זיך ניט צוגענומען?

— נו, יאָ, איך ווייס. ווײַל דער באָדן איז ניט קיין פּאסיקער.

— ריכטיק. און וויפל געוויקסן דער לערער זאָל אײַך ניט ברענגען פון דאָרעם, וועלן זיי אלע פארפוילט ווערן, און אויב ס'וועט אפילו אויסלעבן וועלכער ס'ביט איז בוים, איז אָפּ קיין פּרוכטן פון אים זאָלט איר זיך ניט ריכטן, ס'וועט נאָר זײַן אומזיסט די ארבעט.

— און פארוואָס איז בא אײַך אָט? — האָט געפרעגט מישקע. — ווייַנטרויבן אָט אזעלכע?

— ווארט, אין ווײַנגאָרטן וועט איר נאָך ניט אזעלכע זען. בא מיר איז דאָ אלץ פאראן — אי ווײַנטרויבן, אי עפּל, אי בארן, קומט נאָר אהער, גייט נאָך מיר.

נאָכגייענדיק נאָכ מיטשורינען, האָבנ די ייִנגלעכ אויסגעמיטנ א סטעזשקעלע אונ פארוווּנדערט זיכ אָפּגעשטעלט פאר א געוויקס, וואָס זיי האָבנ נאָכ קיינמאָל אינ לעבנ ניט געזען. בלייכ־גרינע שאַרפּבלעטערדיקע צווײַגנ זײַנען געווענ באדעקט מיט געלבלעכע פּרוכטנ, ענלעכ אַפּ אַג־ רעסנ, וואָס האָבנ געגלאַנצט אַפּ דער זונ.

— וואָס איז דאָס? — האָט א געשריי געטאָנ וואסקע.

— אונ מ׳עסט זיי? — האָט זיכ ארויסגעריסנ בא מישקען.

— אנו, פארזוכט.

די ייִנגלעכ האָבנ זיכ פלינק א וואָרפ געטאָנ צו די יאגעדעס.

— ס׳איז אגרעסנ, — האָט ניט זיכער געזאָגט מישקע.

— שוינ דאפקע ווײַמפּערלעכ, — האָט אימ איבערגעשלאָגנ וואסקע. מישקע האָט זיכ צעלאכט.

— די רעכטע ווײַמפּערלעכ! האָסט געטראָפנ! האָסט מינאסטאמ קיינמאָל קיינ ווײַמפּערלעכ ניט געזען.

— ס׳איז ניט דאָס, ניט יענץ, קינדער. קוקט זיכ גוט צו. ס׳איז א זעל־ טענער געוויקס. דאָס איז אקטינידיע.

די קינדער האָבנ נײַגעריק באטראכט די דינע בײַטשנ, וואָס האָבנ זיכ געשאָקלט.

— אקטינידיע איז אנ אויסלענדיש געוויקס, פונ מאנדזשוריע. נאָר דאָ בא מיר איז זי פונ אנ אנדער מינ, ווי בא זיכ אינ פאָטערלאנד, ווײַל בא מיר איז א רייִנער מינ אקטינידיע. דאָ איז פאראנ איינ אינטערעסאנ־ טער פּאָקוס, כ׳וועל אײַכ וועגנ אימ דערציילנ. אונ איצט קומט, וועלנ מיר א קוק טוּנ אַפּ דיביימער.

מישקע האָט זיכ פארהאלטנ בא דער אקטינידיע, אונ וואסקע איז אַפּ קיינ טראָט ניט אָפּגעשטאנענ פונ מיטשורינען. זיי זײַנען געגאנגענ אי־ בער א פעסט אײַנגעטראמבעוועטנ סטעזשקעלע, אינ ביידע זײַטנ פונ דער סטעזשקע האָבנ געדיכט, ווי אינ וואלד, זיכ צעוואָקסנ ביימער. מיטשורינ איז צוגעגאנגענ צו איינ בוימ, בא וועלכנ די קרוינ איז געווענ באזונדערס געדיכט אונ צעצווײַגט.

גרויסע גרינע עפּל האָבנ באשאָטנ דעמ בוימ פונויבנ ביז אראָפּ.

— אנו, זאָג, וואָס איז דאָס? — האָט געפרעגט מיטשורינ.

— עפּל! — האָבנ אויסגעשריגנ די קינדער ביידע מיטאמאָל.

— זיי זײַנען נאָכ ניט אינגאנצנ צײַטיק, — האָט געזאָגט מיטשורינ, אראָפּנעמענדיק צוויי.

די ייִנגלעכס זײַנ האָבנ זיך גלײַך אײַנגעצפּיסנ אינ דעמ פּרוכט, אונ
זייערע אויגנ האָבנ זיך ברייט צעעפנט פונ פאַרוווּנדערונג.
— ס׳איז דענ אנ עפּל? — האָט אויסגעשריגנ וואסקע. — ס׳איז א באַר.
— א באַר! — האָט באשטעטיקט מישקע. — אינגאנצנ א צײַטיקע.
— איכ זאָג דענ, אז ס׳איז עפּל? דאָס האָט איר אליינ געזאָגט. נו,
אונ לויט די בלעטער האָט איר ניט דערקענט, אז ס׳איז א באַרנ־בוימ?
גערטנער איר! אונ א טאָעס האָט איר געהאט ביידע דערפאַר, ווײַל דאָ
איז נאָכאמאָל פאַראנ א קונצ. דאָס איז ניט קיינ ריינער מינ בוימ, נאָר
ס׳איז א געמיש, מ׳רופט עס מיט א שווערנ נאָמענ: היבריד. נו, איצט
לאָמיר זיך דערוויסנ, וואָס איז דאָס פאַר א זאַכ אזא — היבריד. אָט איז
דער בוימ געוואָרנ שטאַרקער, פאַרהאַרטעוועטער אונ קאָנ אריבערטראָגנ
די סאמע שווערסטע באדינגונגענ, נאָר דאָס איז ווינציק. מ׳האָט זיך גע־
דאַרפט דערשלאָגנ, אז דער בוימ זאָל ברענגענ זייער גוטע, געשמאַקע
פרוכטנ. פרוכטנ קאָנ ער ברענגענ. נאָר אָט, צי קאָנ מענ ניט מאַכנ אזוי,
מ׳זאָל פאַרבעסערנ די פרוכטנ? ס׳האָט זיך ארויסגעוויזנ, אז מע קאָנ, אונ
ניט נאָר פאַרבעסערנ, נאָר אפילע שאַפנ גאָר נײַע פרוכטנ. אָט דאָ הייבט
זיך אָנ דאָס סאמע אינטערעסאנטע. מ׳האָט נאָר געדאַרפט דורכמאַכנ
קינסטלעכע באשטויבונג. אָט אינ דעמ באשטייט טאַקע דער גאנצער קונצ.
נאָר פריִער זאָגט, צי ווייסט איר, וויִאזוי איז געבויט א בלומ?
— אוהו, — האָט, אײַליק אראָפּשלינגענדיק די באַר, א מאַכ געטאָנ מיטנ
קאָפּ וואסקע.

— דאָס האָבנ מיר ניט לאנג געלערנט, —
האָט זיך אָנגערופנ מישקע, וואָס האָט זיך שוינ
אײַנגעפּאָרעט מיט דער באַר.
— נו, וואָס־זשע ווייסט איר?
— אינ א בלומ זײַנענ פאַראנ א פּעסטל,
א פּעסטל־פּיסקל אונ א שטויבל.
— ווענ דאָס שטויבל ווערט רײַפ, — האָט
אונטערגעכאַפּט וואסקע, — זעצט עס זיך אפנ
פּעסטל־פּיסקל.
— אָט באלד טאַקע וועט זיך עס אליינ זעצנ!
— ניט אליינ, נאָר ס׳טראָגט דאָס אריבער
דער ווינט, אָדער אינזעקטנ, — האָט פאַריכט
מישקע.

נו, איר זײַנט ווילע יונגען — איר ווייסט. דאָס איז נאַטירלעכע באַשטויבונג פון א בלום, און דעריבער איז דאָס באַקומען זיך פונעם פרוכט אויך נאַטירלעך. נאָר מ׳קאָן באַשטויבן א בלום קינסטלעך אויך, מיט דעם מענטשנס הענט, און דאַן וועט עס זיך שוין אָנרופן ניט באַשטויבונג, נאָר קינסטלעכע קרייצונג. אָט מיט דערזעלבער קרייצונג שאַף איך נײַע סאָרטן. אָט ערשט האָט איר פאַרזוכט באַרן, און לויטן אויסזען זײַנען זיי ענלעך אָפּ עפּל — קײַלעכדיקע, און דער קאָליר איז אויך ווי בא עפּל. דאָס איז דערפאַר, ווײַל די באַר האָט מען איבערגעקרייצט מיט א גוטן סאָרט פון א עפּלבוים.

אָט האָסטו דערציילט, אז דער קרימער עפּלבוים האָט זיך בא אײַך ניט צוגענומען, — נו, וויאַזוי זאָל ער זיך צונעמען, אז ער איז צוגעווינט צו ווארעמקײַט און צו אן אנדערן באָדן? ס׳איז קלאָר, אז אזא עפּלבוים וועט אומקומען פון אונדזערע קעלטן. מ׳דארף ניט איבערפלאנצן צו אונדז אזא מין עפּלבוים, נאָר זען זיך דערשלאָגן צו פאַרבעסערן אונדזער סאָרט עפּלבוים. דערצו העלפט מיט נאָר די קרייצונג. אָט אין דעם איז טאַקע דער גאַנצער קונץ. אָט לאָמיר זען, וויאַזוי האָב איך דאָס געמאַכט. איך האָב גענומען דאָס שטויבעלע פונעם קרימער עפּלבוים און באַשטויבט דערמיט אונדזער קיטײַקע.

— און וויאַזוי האָט איר זי באַשטויבט? גלײַך מיט די הענט?

— וויאַזוי? זייער פּאָשעט. כ׳האָב פריִער גענומען די בלום פונעם עפּלבוים און פאָרזיכטיק אָפּגעשוירן אלע אירע שטויב־פּעדעמלעך. דאָס האָב איך געטאָן צוליב דעם, קעדיי דאָס אייגענע שטויבעלע פונעם עפּלבוים זאָל זיך ניט זעצן אפן פּעסטל־פּיסקל, ווײַל דאַן וואָלט, פאַרשטייט זיך, די אנטאָנקע געגעבן איר פריִערדיקן פרוכט; נו, שפּעטער האָב איך באַשיצט דאָס בלימל — אָנגעטאָן אפּ דעם א מארליע־זעקעלע און דאָס צוגעבונדן צום שטענגל. אָן א זעקעלע טאָר מען דאָס בלימל ניט לאָזן: פלוצלינג וועט קומען צופליִען א בין און וועט דאָס באַשטויבן מיטן שטויבעלע פון אן אנדער בלימל.

— און וויאַזוי קלײַבט מען צונויף דאָס שטויבעלע? — האָט געפרעגט וואסקע.

— דאָס שטויבעלע? דאָס האָסטו ריכטיק געפרעגט. דאָס שטויבעלע שיקט מען צו פון דאָרעם אין א פלעשעלע אָדער אין א פּאַקעטל. אָט דאָס שטויבעלע האָב איך פאָרזיכטיק גענומען אפן פינגער און ארופגעזעצט אפן פּעסטל־פּיסקל פון דעם בלימל. אפן צווייטן טאָג און אפן דריטן



האָב איכ ווידער אזוי ארופגעזעצט דאָס שטויבל אפנ פעסטל־פיסקל, קעדיי ס׳זאָל זײַנ זיכערער. אונ ווידער, קעדיי צו פאר־היטנ דאָס בלימל, האָב איכ אָנגעטאָנ אפ דעמ א מארליענע קאָלפעקל. איינגיכנ האָב איכ דערזענ, ווי אפנ בלימל איז אויסגע־בילדעט געוואָרנ א פרוכט־קניפל אונ ס׳האָט אָנגעהויבנ רײַפ ווערנ דער פרוכט.

— ס׳האָט אָנגעהויבנ וואקסנ אנ עפל?

— א קרימער? — האָבנ די קינדער געפרעגטביידע מיטאמאָל.

— וואָס פאר א סאָרט עפל ס׳האָט זיכ אויסגעבילדעט פונעמ פרוכטקניפל, איז מיטאמאָל אומעגלעכ געווענ צו באשטימענ. מ׳האָט געדארפט זיכ דערווארטנ אפ די זוימענ פונ דעמ פרוכט. האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דער פרווו האָט זיכ אײַנגעגעבנ, איב רעזולטאט האָט זיכ באקומענ א גוטער, שמעקנדיקער עפל.

די יינגלעכ האָבנ נײַגעריק באטראכט די געלע שיינע פרוכטנ, וואָס האָבנ באדעקט דעמ בוימ.

דערנאָכ האָט מישקע אריבערגעפירט די אויגנ אפ דער ערד אונ אפ־דערגיכ באטראכט דעמ גאנצנ שעטעכ אונטערנ עפלבוימ.

מיטשורינ האָט זיכ צעלאכט.

— וואָס, ברודער, זוכסט פאדאלקעס?

— ס׳איז צו א שטילער וועטער, — האָט געזאָגט וואסקע אונ האָט אויכ א זוכ געטאָנ מיט די אויגנ אונטערנ עפלבוימ, — ס׳איז ניטאָ קיינ ווינט, פאלנ זיי ניט.

— אונ אינ אײַער גאָרטנ זשײַענ נאָכ א ווינט אלע עפל אפ דער ערד?

— אָהאָ, דענסטמאָל קאָנסטו עסנ, וויפל דו ווילסט.

— נו, פרײַנט מײַנע, אינ מײַנ גאָרטנ וואָלט אײַכ געווענ ערגער אביסל. אפילע נאָכ א שטורעמ פאלנ ניט די עפל פונ די צווײַגנ, זיי האלטנ זיכ שטארק.



מישקע האָט אופגעהויבנ
די האנט צו א צווײַגל, וואָס
איז געווענ באשאָטנ מיט עפל.
— אנו, נו, גיב א טרייסל...
מישקע האָט א טרייסל
געטאָנ — קיינ איינ עפל איז
ניט אראָפגעפאלנ. ער האָט
א טרייסל געטאָנ שטאר־
קער — די עפל האָבנ זיכ נאָר
געוויגט אפ די צווײַגנ.

— אָט געזונטע, — האָט זיכ פארכידעשט מישקע, — פונקט ווי צוגענייטע.

וואסקע האָט שווײַגנדיק געקוקט אפ די עפל.

— וויאזוי־זשע איז דאָס? — האָט ער געפרעגט. — דאָ איז געהאנגענ נאָר איינער א קרימער עפל, אונ אלע איבעריקע זײַנענ געווענ פאָשעטע?

— כיהאָב באשטויבט א שטיק פופצנ, נאָר אנ אײַנגעגעבענער האָט זיכ באקומענ פונ זיי נאָר איינער.

וואסקע האָט זיכ צעלאכט.

— וואָס לאכסטו?

— באָדנע! וויאזוי־זשע? אפ איינ עפלבוימ פארשיידענע עפל?

— אָט קומט, וועל איכ אײַכ באלד ווײַזנ...

מיטשורינ האָט אוועקגעפירט די קינדער אינ דער טיפ פונ גאָרטנ אונ האָט זיכ אָפגעשטעלט בא א בארנבוימ. דערנאָכ האָט ער אָנגעבויגנ א אייבערשט צווײַגל. די קינדער האָבנ א געשריי געטאָנ.

— אָט האָסטו דיר! — האָט זיכ ארויסגעכאפט בא מישקענ.

אפנ צווײַגל לעבנ די בארנ האָבנ זיכ גערויטלט גרויסע יאגעדעס פונ ריאבינע.

וואסקע האָט די אויגנ ניט אראָפגענומענ פונ מיטשורינענ.

— דאָ איז צוגעטשעפעט אינגאנצנ פארשיידענע פרוכטנ. אונ ווענ איר זאָלט געווענ קומענ מיט א כוידעש פריִער, וואָלט איר געזענ, ס'ארא ווײַנשל ס'איז אויסגעוואקסנ אפ א טשערעמוכע.

— עמעסע ווײַנשל? אפ א טשערעמוכע?

— ווײַנשל, נאָר זיי זײַנענ אויסגעוואקסנ ניט אזויווי געוויינלעכע ווײַנשל, איינ יאגעדע אפ א שטענגל, — נאָר הענגלעכ יאגעדעס, אזויווי עס וואקסט טשערעמוכע.



— עכ, — האָט מיט היספּײַלעס אויסג׳שריִענ וואסקע, — נו און נו!

מיטשורינ האָט זיכ פּלוצלינג אויסגעקערעוועט צו מישקענ. יענער האָט געקײַט א באר.

— לאָמיר אָפּרעדנ — אלײנ פונעמ בוימ ניט רײַסנ, אניט ווער איכ מיט אײַכ אויס באקאנטער.

— דאָס האָב איכ, זײדעניו, אפ דער ערד אופגעהויבנ. אָט ווו ס׳האָט זיכ געוואלגערט, אָט דאָ, לעבנ דעמ כאמע סטעזשקעלע.

— נו, נו, אויב אזוי, איז גוט. כ׳האָב זיכ בארימט, אז בא מיר איז קײנ פאדאלקעס ניט פאראנ, און ער, זעסטו, האָט געפונענ.



וואסקע האָט אראָפּגעשלונגענ די סלינע און האָט מיט א שארפנ בליק ארומגעטאפּט די באר אינ מישקעס הענט.

— עפּעס איז זי אפ קײנ פאדאלקע ניט ענלעכ, פונ אלע זײַטנ גאנצ, אפילע קײנ אײנ זײַט ניט צוגעקלאפּט...

מישקע האָט זיכ פארויטלט.

— וואָס־זשע ווילסטו זאָגנ? אז כ׳האָב זי אָפּגעריסנ, צי וואָס?

— מעגסט אימ גלײבנ, ברודערל, — האָט זיכ צעלאכט מיטשורינ. — ער זאָגט אנ עמעס, ער האָט ניט אָפּגעריסנ. און די פראגע דײַנע איז א ריכטיקע. אינ אײַערע גערטנער, אויב א באר פאלט אראָפּ אפ דער ערד, ווערט בא איר גלײַכ א „בעקל", זי הייבט אָנ פוילנ. און אפ מײַנ באר, אפילע אז ס׳מאכט זיכ, אז זי פאלט אראָפּ, וואקסט בא איר באלד אויס אפ דעמ אָרט פונעמ קלאפּ א הארט הײַטל, וואָס באשיצט זי פונ פוילנ. און פארוואָס? דערפאר, ווײַל אינ איר פלײש זײַנענ ניט פאראנ קײנ פויל־באקטעריעס, איזי דערפאר ווערט זי ניט פארפוילט. אָט־אָ די באר, וואָס ער

האָט ערשט געפונען, הייסט „ווינטערדיקע בערע". איצט איז זי נאָך גרינ, ניט צײַטיק, כ'ווייס ניט, וואָס געפעלט אים אינ איר, איך וואָלט זי ניט געגעסנ, נאָר אָט, אז זי ווערט צײַטיק, דאנ איז א פארגעניגנ זי צו עסנ.

— אונ דאָס איז אויך ניט קיינ אונדזערע? — האָט געפרעגט וואסקע.

— יאָ, דאָס איז אויך א געמיש.

— א היבריד, הייסט עס! — האָט אויסגעשריִענ וואסקע.

— אָט, אָט, דו ביסט, ברודער, א פארשטאנדיקער.

— אונ פונ וואָס איז זי, די באר אָט די?

— וועלכע סאָרטנ כ'האָב גענומענ? כ'האָב גענומענ אונדזער צאָפּנדיקע באר אונ די פראנצויזישע.

— די צאָפּנדיקע, קעדיי זי זאָל פאר קיינ קעלט קיינ מוירע ניט האָבנ, — האָט זיך אָנגעשטויסנ וואסקע.

— יאָ. די צאָפּנדיקע באר איז זייער א ווידערשטאנדפייִקע, אונ די פראנצויזישע, — „בערע דיל" רופט מענ זי, — א צארטע, א שמעקנדיקע, א געשמאקע. אָט האָט זיך באקומענ א גוטער היבריד. ס'האָט זיך פארהיט דאָס ווידערשטאנדיקײַט פונעם בוים אונ דער גוטער טאם פונעם



פרוכט. און אָט נאָך פארוואָס זי איז גוט: איצט זײַנען בא אונדז אין די ראטווירטישע און קאָלווירטישע גערטנער אלע צײַטיקע בארג ווייכע, מ׳דארף זיי גלײַך עסן, ליגן קאָנען זיי ניט, זיי ווערן קאליע, און די באר „בערע״, אז זי ווערט צײַטיק, קאָן זי ליגן א גאנצן ווינטער, ווערט ניט קאליע. דערפאר לוינט זי בעסער, פארשטאנען?

— פארשטאנען. אָט ווען מ׳זאָל בא אונדז אזוינע פארפלאנצן!

— דאָס וואָלט געווען זייער גוט. דו זאָג דעם לערער, אָדער ווער איז דאָרט בא אײַך באם גאָרטן, זאָל ער קומען, וועל איך אים דערציילן און געבן זוימען. בא אונדז וועלן איינגיכן זײַן ספּעציעלע קורסן אויך.

— און מיר מעגן אפ די קורסן?

— נו, ברודער, פריִער וואקס אונטער אביסל.

— וואָס איז דאָס, זיידעניו! — האָט פלוצלינג אויסגעשריִען מישקע, — וואָס איז דאָס פאר א רויטער בוים?

וואסקע האָט זיך גיך ארומגעקוקט אין יענער זײַט, וווהין ס׳האָט געוויזן מישקע, און ער האָט פלוצלינג א קוויטשע געטאָן און איז מיט צוויי שפרונג איבערגעלאָפן צו די רויטע צווײַגן.

— וואסקע, וואסקע, גיב א קוק, ס׳ארא עפל!

— אוך, דו! — האָט וואסקע זיך פארכליגעט פון היספּײַלעס, ווען ער האָט באמערקט צווישן די רויטע בלעטער זאפטיקע עפל, אזויווי אָנגעגאָסענע מיט רויטן זאפט.

די ייִנגלעכס גלאנצנדיקע אויגן זײַנען אומגעלאָפן פונעם בוים אפ מיטשורינען און פון מיטשורינען ווײַטער אפן בוים.

מיטשורין האָט אראָפּגענומען צוויי עפל און האָט דערלאנגט די קינדער.



— זיי זײַנענ נאָכ ניט אינגאַנצנ צײַ־טיק, נאָר עסנ מעג מענ זיי שוינ.

ס׳האָט זיכ גלײַכ דערהערט א גע־שמאַקער כראָמטשענ אונ פאַרוווּנדערטע אויסגעשרייענ. מיטשורינ האָט לאַכנדיק געקוקט אפ די פאַרכידעשטע פּענעמער פונ די ייִנגלעכ: דאָס פלייש פונעמ עפּל איז געווענ פונ דעמזעלבנ רויטנ קאָליר.

— אָט דאָס הייסט א עפּל־ביימעלע! — האָט אויסגעשריִענ מישקע.

— אונ ווי רופט זיכ עס? — האָט גע־פרעגט וואַסקע.

— „קאָמיוגישע“ רופט זיכ עס.

— אָט וויל!.. אנ עמעסער קאָמיוגיסט.

— זיידעניו, — האָט געזאָגט מישקע, אראָפּשלינגענדיק דעמ לעצטנ בּיסנ פונעמ רויטנ עפּל, — האָסט דאָכ נאָכ געוואָלט באַווײַזנ דעמ ווײַנ־גאָרטנ.

— ריכטיק, ריכטיק. נו, קומט נאָכ ווײַנטרויבנ.

מישקע האָט זיכ, ווי א פײַל, א לאָז געטאָנ פאָרויס, אונ האָט זיכ אָפּגע־שטעלט פאַרנ ווײַנגאָרטנ. זײַנע אויגנ זײַנענ אומגעלאָפנ איבער די גע־דיכטע, שווערע הענגלעכ גרינע אונ בלויע ווײַנטרויבנ.

—אָהאָ, בּרודער, — האָט, צוגייענדיק, געזאָגט מיטשורינ, — יאָ, האָסט זיכ אָבער גיכ דערוווּסט, ווו וואָס ס׳וואַקסט.

מישקע האָט פאַרשעמט א צי געטאָנ מיט דער נאָז.

פונ יענער זײַט ווײַנגאָרטנ האָט זיכ צו זיי דערנעענטערט ניט קיינ הויכער מענטש אינ ברילנ, מיט א גרויסער קרומער שער אינ די הענט.

— איוואַנ אנדרייעוויטש, — האָט זיכ צו אימ געווענדעט מיטשורינ. — אנו, זײַט מעכאַבעד מײַנע יאַטלעכ, מיר גייענ מיט זיי דאָ אומ שוינ העכער א שאָ.

איוואַנ אנדרייעוויטשס בּרילנ האָבנ א גלאַנצ געטאָנ אינ דער זײַט פונ די ייִנגלעכ, אונ דערנאָכ האָבנ זיי זיכ פאַרכידעשט אָפּגעשטעלט אפ מיטשורינענ.

— פונוואַנענ איז דאָס?

— דאָס, זעט איר מיכ, איז גאָר א וווּנדערלעכ פאָלק. אנטלאָפנ פאַר־

טאָג פונדערהיים, פון אוסטיעוווסקער קאָלווירט. זיי זײַנען געגאַנגען אהער צען ווערסט, אזעלכע פארברענטע ליבהאָבער! און אלײן נאָך דערצו גערטנער.

— זײַנען געקומען, הייסט עס, זיך צולערנען? גו־נו, ס'איז אַ זאך. אָט איצט זאָגט דאָרט אין קאָלווירט, זיי זאָלן פּרעסירן זייערע שלעכטע סאָרטן, איר האָט געזען, ס'ארא עפּל בא אונדז?

— געזען.

— איר וועט אויך אײַנפירן אזעלכע?

— מיר וועלן אײַנפירן, — האָט געזאָגט וואסקע, — און בארן וועלן מיר אויך אײַנפירן פונקט אזעלכע „בערן".

מיטשורין און איוואן אנדרייעוויטש האָבן זיך צעלאכט.

— אָט, אָט, עמעסע „בערן"! ליגן א גאנצן ווינטער.

— איז איר, איוואן אנדרייעוויטש, דערציילט זיי וועגן די ווײַנטרויבן, און איך וועל גיין. און זײַט זיי מעכאבעה, די געסט. דעריקער, יענער, ער קאָן זיך שוין ניט דערווארטן.

און מיטשורין האָט א ווײַז געטאָן אף מישקען.

מישקע און וואסקע האָבן א לאנגע צײַט דערנאָך געדענקט, וויפל ווײַנטרויבן זיי האָבן אופגעגעסן יענעם טאָג.

— איז אָט, קינדער, — האָט זיך צו זיי געווענדעט איוואן אנדרייעוויטש! אײַך איז באוווסט, אז ווײַנטרויבן וואקסן ניט, אָדער ריכטיקער, זײַנען פריער ניט געוואקסן אין אונדזערע קאנטן. איוואן וולאדימיראָוויטש מיטשורינען האָט זיך פארגלוסט, אז ווײַנטרויבן זאָלן וואקסן אויך בא אונדז, און ער האָט זיך טאקע דערשלאָגן. ס'איז פאראן אזא לאנד אין צאָפן־אמעריקע — קאנאדע. דאָרט וואקסן ווילדע ווײַנטרויבן, וואָס האָבן ניט מוירע פאר פרעסט — האלטן אויס אפילע 30 גראד. האָט איוואן וולאדימיראָוויטש אויסגעשריבן פון דאָרעט א שטויבל פון א גוטן זיסן סאָרט און האָט באשטויבט מיט דעם זײַנע ווילדע ווײַנשטאָקן. וועגן קינסטלעכער באשטויבונג האָט ער אײַך, מינאסטאם, שוין דערציילט?



— מיר וויסנ, מיר וויסנ! — האָט אויסגעשריִענ וואסקע. — פונ דעמ באקומט זיכ א היבריד.

— אָט ס'ארא בראווער יונג! נו, אָט, פריִער האָט איוואנ וולאדימיראָוויטש געמומענ די זוימענ, וואָס האָבנ זיכ באקומענ פונ דער קינסטלעכער באשטויבונג, אונ פונ זיי איז שוינ אויסגעוואקסנ א יונגער געוויקס — א היבריד, אָדער, אנדערש גערעדט, א געמיש פונ קאנאדער אונ דאָרעמדיקע ווייַנטרויבנ. ניט אלע פארפלאנצטע געוויקסנ האָבנ איבערגעטראָגנ דעמ ווינטער, פיל זייַנענ פארפרוירנ געוואָרנ. נאָר די, וואָס האָבנ אויסגעהאלטנ דעמ ווינטער, האָבנ דערפאר באקומענ א גרויסע ווידערשטאנד־קראפט קעגנ פרעסט.

— אונ זיי זייַנענ אויסגעוואקסנ זיסע, די ווייַנטרויבנ? — האָט איבערגעשלאָגנ מישקע.

— אָט דאָס איז עס דאָכ טאקע, וואָס ניט בא אלע געוויקסנ זייַנענ געווענ גוטע פרוכטנ. דאנ האָט זיכ איוואנ וולאדימיראָוויטש פארנומענ מיט אָפקלייַב. ער האָט אויסגעטיילט די סאמע פארהארטעוועטע פאר פרעסט אונ די בעסטע אפנ טאמ אונ האָט נאָכאמאָל דורכגעמאכט א קריי־



צונג. אָט אַפּ אַזאַ מין אויפן האָט זיך באַקומען אַ נייַער סאָרט ווייַנטרויבן. יאָ, פיל מי און צייַט האָט אוועקגעלייגט איוואַן וולאַדימיראָוויטש. ניט אומזיסט האָט מען אים באַלוינט מיט אַן אָרדען פון דער אַרבעטס־פאָן: איינגיכן וועלן זייַן ווייַנטרויבן אין אַלע קאָלווירטן, און ניט נאָר ווייַנטרויבן: אומעטום וועלן זיך פאַרשפרייטן פרוכט־גערטנער, שטאַנדהאַפטיקע, פאַרהאַרטעוועטע, פרוכטבאַרע. וועגן אונדזער איוואַן וולאַדימיראָוויטשן שרייַבט מען איצט אין אַלע צייַטונגען.

— נו, יאָ. אַפילע פאַר אונדז האָט דער לערער געלייענט אין צייַטונג.

— אָט זעסטו, גוטער ברודער. אַ טראַקטער גיט מען אונדז, אַן אוטאָמאָביל, פאַרשיידענע אויסשטאַטונג. צען געלערנטע מיטאַרבעטער וועט מען צושיקן זיך לערנען בא אונדזער אַלטיטשקן און אים העלפן. און מע וועט נאָך אייַנאָרדענען קורסן פאַר אָנפירער פון ראַטווירטן און קאָלווירטן. און אַז אונדזערע סאָרטן וועלן זיך צעגייען איבערן גאַנצן פאַרבאַנד, דאָס איז אַ פאַקט.

וואַסקע האָט זיך פאַרטראַכט.

— און איצט, קינדער, קומט אין שטוב. די זון איז שוין הויך, און איר זייַנט שוין, מיסטאַמע, הונגעריק.

— עסן גלוסט זיך, אַ שרעק, — האָט זיך מוידע געוועזן מישקע.

— זעסטו? כ׳האָב געטראָפן. טאָ קומט, וועל איך אייַך אָנהאָדעווען.

אַן אָנגעפלויגן ווינטל האָט צעטראָגן עפּעס אַ שטאַרקן בלומען־ריח, וועלכער האָט געצוווּנגען די יינגלעך זיך אומצוקוקן.

— אוי, ס׳האָט עפּעס אַזוי גוט פאַרשמעקט!

— אָט וואָס דאָס איז.

איוואַן אַנדרייעוויטש האָט פאַרקערעוועט פונעם סטעזשקעלע אין די

קוסטעס, ער האָט זיי צענומענ און האָט באַוויזנ די יינגלעכ א לאַנקע, פאַרוואַקסנ מיט ווײַסע ליליעס. די לופט ארומ איז געווענ דורכגעזאַפּט מיט א שטאַרקנ רייעכ פונ פיאַלקעס.

— דאָס בלימל האָט איוואַנ וולאַדימיראָוויטש אויכ באַקומענ דורכ קרייצונג פונ צוויי ליליעס: איינע מיט א שלעכטנ רייעכ, און די צווייטע גאָר אָנ א רייעכ.

— און דאָס איז וואָס? — האָט געפרעגט וואַסקע און האָט באַוויזנ אַפ א גרופּע צעוואַקסענע הויכע ביימער, באַדעקט מיט גרינע פּרוכטנ. איוואַנ אַנדרייעוויטש האָט אָנגעבויגנ א צווײַגל און אָראָפּגעשניטנ א קײַלעכ־דיקנ, אַזויווי א זאַמשענעמ פּרוכט.

— דאָס איז וואָלעכשע ניס. איר זעט, דער נוס אַליינ איז פאַרבאַהאַלטנ אַזויווי אינ א זעקעלע, און הינטער דעמ זעקעלע, — ער האָט אָפּגעשאָבנ מיט א מעסער די גרינע אויבערפלאַכ, — איז די שאָלעכץ.

בא מישקענ האָבנ זיכ צעפינקלט די אויגנ.

— ניס? וואָלעכשע?! עמעסע!!

— עמעסע, ברודער. טאַקע די סאַמע עמעסע.

— און דאָס? יענע געלע? — וואַסקע האָט געוויזנ אַפ א שכיינעסדיקנ בוימ.

— אונ דאָס איז אַנ אײַווע. זי איז נאָכ ניט צײַטיק.

— מ׳עסט זי? דאָס איז אויכ פונ דאָרעמ?

— יאָ, ס׳איז א דאָרעמדיקע פרוכט.

מישקע האָט זיכ פארקוקט אפ א גרויסנ בוימ מיט א געדיכטער קרוינ פונ טונקל־גרינע בלעטער. וואסקע האָט אויכ איבערגעפירט די אויגנ אפנ שפיצ בוימ אונ האָט דערזענ, אז פונויבנ איז דער בוימ באדעקט מיט עפעס גלאנצנדיקע גרויסע זשוקעס.

איוואנ אנדרייעוויטש איז צוגעגאנ צומ בוימ אונ האָט אימ לײַכט א טרייסל געטאָנ.

צו די ייִנגלעכס פיס האָבנ זיכ א שאָט געטאָנ צײַטיקע שווארצ־בלויע יאגעדעס.

די ייִנגלעכ האָבנ זיכ אײַליק אָנגעבויגנ. אינ איינ ווײַלע זײַנענ זייערע זשמעניעס געווענ פול. מישקעס ליפנ זײַנענ באלד שווארצ געוואָרנ. וואסקע האָט פריִער פארדעכטיק באטראכט די יאגעדעס.

— אנ עמעסע מאלינע, נאָר א שווארצע עפעס...

— א זיסע־ע. גיב מיר. כ'האָב קיינ מוירע ניט, וואָס א שווארצע.

וואסקע האָט זיכ אָפגעקערעוועט אונ האָט מיטאמאָל ארײַנגעלייגט די יאגעדע אינ מויל. מישקע האָט אראָפגעשלונגענ די סלינע.

— נו, וואָס, א מאלינע?

— ניינ, א זיסע זייער.

— ס'איז שאָלקאָוויצעס, — האָט גע־זאָגט איוואנ אנדרייעוויטש. — פונ כינע. דאָ הייסט עס מוילבערבוימ. די גאנצע זאכ איז דאָ אינ די בלעטער, ניט אינ די יאגע־דעס, ווײַל די בלעטער דינענ אלס שפײַז פאר די זײַד־ווערעמ.

— ס'איז די, וואָס מאכנ דעמ זײַד?

— דיזעלבע.

וואסקע האָט נאָכאמאָל א קוק געטאָנ אפנ בוימ.

— פעטערל, אונ עפשער איז דאָס מאלינע שווארצע?

— אָט קומט נאָר, וועל איכ אײַכ ווײַזנ מא־לינע. זי איז שוינ באלד ניטאָ, נאָר עפעס איז נאָכ געבליבנ.

איוואנ אנדרייעוויטש האָט ארויסגעפירט די יינגלעכ פונ דער ביימער־געדיכטעניש. אפ א פלאצ זײַנענ אינמיטנ, אונטער דער זונ, גע־דיכט געוואקסנ קוסטעס. נידעריק, קימאט בא דער ערד, האָבנ אינ זאפטיקנ, פונ דער זונ באזילבערטנ גרינס זיכ גערויטלט עפעס גרויסע יאגעדעס.

— אוי, — האָט זיכ ארויסגעריסנ בא וואס־קענ, — וואָס איז דאָס?

איוואנ אנדרייעוויטש האָט אראָפגענומענ עטלעכע יאגעדעס אונ האָט זיי דערלאנגט די יינגלעכ:



— דאָס איז מאַלינע. „טעכאַס״ הייסט זי.

— אָט דאָס איז שוין איינמאָל מאַלינע! אין צען מאָל גרעסער פאַר אונדזערער!..

— און אין צוואַנציק מאָל זיסער!

מישקע האָט א קנאַק געטאָן מיט דער צונג, און פּלוצים האָבן זיך זײַנע אויגן אויסגעקײַלעכט.

— וואַסקע, גיב נאָר א קוק, וויפל בלומען!

וואַסקע האָט זיך אומגעקוקט, און איז פאַרשטאַרבן געוואָרן: לעבן אים, איבערן ראַנד פונעם סטעזשקעלע, אין קלומבעס, און ווײַטער אביסל, לעבן פּלויט, האָבן זיך ווי א הויכע וואַנט אויפגעהויבן רויזן. געלע, ראָזע, שניי־ווײַסע, פּורפּור־רויטע און גאָר טונקעלע — האָבן זיי באַשאָטן די קוסטעס, זײַנען אראָפּגעהאַנגען פון די ביימער און האָבן זיך געקרײַזלט ארום פּלויט.

— מאַמינקע מײַנע, ס׳אַרא געזונטע!

איוואַן אַנדרייעוויטש האָט זיך צעלאַכט.

— טוט נאָר א שמעק, ווי זיי שמעקן.

די יינגלעך האָבן אײַליק א שטופּ געטאָן די נעזער אין א גרויסער צעעפנטער רויז.

— אוי, אוי, אוי, אוי! — האָט מישקע א קרעכצ געטאָנ פונ היס־פּײַלעס, ווענ ער האָט טיפ אַרײַנ־געאָטעמט דעמ געדיכטנ רייעכ.

— דאָס איז בוימל־רויזנ. פונ זיי מאכט מענ טײַערנ רויזנ־בוימל. פריִער האָט מענ דעמ בוימל אויס־געארבעט נאָר אפ דאָרעמ, פונ דאָרעמדיקע רויזנ, אונ איצט, ווי איר זעט, האָט איוואנ וולאדימי־ראָוויטש אויכ דאָ אויסגעכאָוועט אזעלכע.

— אונ בא אונדז... אינ קאָל־ווירט קאָנ מענ?

— בא אײַכ קאָנ מענ אויכ.

— פעטערל, אונ זוימענ וועט איר אונדז געבנ?

— מירנ געבנ. רויזנ פארזעצט מענ ניט מיט זוימענ, נאָר מיט שטענגעלעכ. אָט זאָל מענ צו אונדז קומענ פונ אײַער קאָלווירט, וועלנ מיר אײַכ אלצ געבנ.



— אונ יענע וועסטו אויכ געבנ, וואָס קרײַזלענ זיכ אָט דאָרט אי־בערנ פלייטל?

— מיקאָנ אויכ יענע געבנ. דאָס איז דעקאָראטיווע קרײַזלדיקע רויזנ.

— אפ וואָס נוצנ זיי? — האָט געזאָגט וואסקע. — צוליב שיינקײַט נאָר...

— נו, איז וואָס! מירנ ארומפלעכטנ מיט זיי די וואסער־פּאָמפּע, אונ ארומ פלויט קאָנ מענ זיי פארזעצנ, וועט זײַנ שיינ. אָט וועלכע בוקעטנ עס הענגענ, — האָסט געזענ?



וואסקע האָט ניט געענטפערט.
מישקע האָט זיך אויסגעקערעוועט און האָט דערזען, אז וואסקע שטייט לעבן א הויך דינ ביימעלע. ער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ און האָט עפּעס באטראכט.
— וואָס איז מיט דיר? א? וואָס איז דאָרט?
— כ׳ווייס ניט, עפּעס... כ׳קאָן ניט פאנאנדערקלײַבן. הינדעלעך עפּעס, צי וואָס.
— ווו, ווו? אנו, לאָז א קוק טון.
אין ווייכן גרינט פון לענגלעכע בלע־טער האָבן געגעלט עפּעס קײַלעכדיקע ווייכע פּייגעלעך, וואָס זײַנען אינדערעמעסן געווען ענלעך—אף פּיצלעך צארטע הינ־דעלעך.
— וואָס איז דאָס? אָט אינטערעסאנט! עמעסע הינדעלעך!
— דאָס זײַנען מאנדלען, קינדער. איצט אראָפּנעמען איז נאָך פרי, און אז זיי וועלן צײַטיק ווערן, קומט צו גיין, וועל איך אײַך מעכאבעד זײַן.
איוואן אנדרייעוויטש האָט אראָפּגענומען פון א צווײַגל א ווייך קײַ־קעלע און האָט מיט א מעסער אָנגעשניטן דאָס ווייכע הײַטעלע; ס׳האָט זיך אנטפּלעקט א העלע שאָלעכץ, באדעקט מיט לעכעלעך.
— ניס!
— אָט ווען מ׳פארזעצט בא אונדז אזוינע ניס,—דאָס איז ניס!
אלס ענטפער האָט זיך דערהערט א קנאַק.
— עכ, האָסט שוין צעקנאקט! זיך ניט געקאָנט אײַנהאלטן! ניט גע־קאָנט אהיים דערטראָגן!
מישקע האָט מיט א שולדיקן פּאָנעם געקײַעט דעם נוס.
— אלציינס, נאָך ניט קיין צײַטיקער...
— און דאָס איז ווײַנשל־ביימער. באקוקט זיי גוט. די ווײַנשל האָט מען שוין פון זיי אראָפּגענומען.
— וווּ־זשע זײַנען זיי?



וואסקע און מישקע האָבן געקוקט אין אלע זײַטן און האָבן ניט געזען קיין ווײַנשל־ביימער.
— נו, אָט שטייסטו דאָך לעבן זיי.
— אָט אָ־די? די קליינינקע?
— דיזעלבע. אין אײַערע גערטנער זײַנען די ביימער אסאך העכער. דאָס איז אויך א היבריד, ס׳הייסט ווײַנשל „גנאָס", דאָס הייסט נידעריקע קארליק־ביימלעך.
— דאָס איז אפ זיי אָט די גרויסע ווײַנשל? וואסקע, אָט וועגן צו אונדז אין גאָרטן — אזעלכע! אפילע קיין לייטער דארף מען ניט צושטעלן שטיי זיך גלײַך און רײַס.
— אָט טאקע דערפאר פירן מיר אויס אזעלכע קליינוווקסיקע.
— נו, איצט קומט אָפּעסן, איר דארפט נאָך ביז אהיים שפאנען צען ווערסט. און פארוואָס זײַנט איר אהער געקומען אליין, ניט מיט קיין עקסקורסיע? כ׳וואָלט אלעמען ניט געשטערט א קוק צו טון. קומט צו גיין מיט דער גאנצער גרופע. כ׳וועל אײַך געבן א צעטעלע, גיט איבער דעם לערער, עפשער וועט ער זיך אויסקלײַבן צו אונדז אפ די קורסן.



דער אויסזען פונעם פיטאָמניק א. נ. אי. וו. מיטשורינ.

גיכ זײַנען די קינדער געלאָפנ צוריק אהיימ. זיי האָבנ זיכ דערמאנט וועגנ די וווּנדער פונ מיטשורינס גאָרטנ, האָבנ גערעדט, איבערשלאָגנדיק איינס דעמ צווייטנ, אונ זיכ ניט געקענט אָנדערציילנ. פונ צײַט צו צײַט האָט וואסקע מיט פארדראָס באטאפּט די לאָכ פונ הינטנ אפ דער העמד אונ האָט זיכ אלצ געסטארעט צו פארשטופּנ זי אונטערנ העמ־ .

— כ׳וועל שוינ ארײַנכאפּנ פונ דער מאמענ. נאָר מיילע. ער איז דאָס א גאָרטנ! אָט דאָס איז טאקע שוינ איינמאָל א גאָרטנ!

פונ אי. וו. מיטשורינס באריכט צומ 16־טנ פארטיי־ צוזאמענפאָר?

איינגיכנ וועלנ די פעלדער פונ דער שווארצערדיקער געגנט באקומענ גאָר אנ אנדער אויסזענ: אָנשטאָט בונטע, דריבנע פויערשע ערד־כאלאָ־ קימ—וועלנ זײַנ אינ דיקאָלווירטנ דורכויסיקע רײַכע פעלדער, באבוימטע מיט פאסנ פרוכט־גערטנער...

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

I. ВТОРАЯ

ГРУШОВЕ ЯБЛУКО

УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ